WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן

# אינפארמאציע איבער א דעפארטמענט אוו לעבאר סטאנדארטן קאמפלייענס קאנפערענץ

**וואס איז א קאמפלייענס קאנפערענץ?**
א קאמפלייענס קאנפערענץ איז אן אומפארמאלע זיצונג געאייגנט צו דיסקוטירן די לעיבאר סטאנדארטן אויספארשונג געפינסן. עס פארזוכט צו פארמיטלען הילף איבער פארלעצונגען פון לעיבאר געזעץ. די ציל איז צו שליכטן א סכסוך צווישן אן ארבעטסגעבער און אן ארבעטער.

**ווען ווערט א קאמפלייענס קאנפערענץ געפלאנט?**
א קאמפלייענס קאנפערענץ קען געפלאנט ווערן בעפאר אדער נאך אן אויספארשונג. עס איז געווענדליך פאראויס באשטימט ביים ארבעטסגעבער'ס פארלאנג נאכדעם וואס לעיבאר סטאנדארטן גיבן אריין א מעלדונג פון אויספארשונג געפינסן. אין געוויסע פעלער, קען לעיבאר סטאנדארטן פלאנירן א קאמפלייענס קאנפערענץ, אפילו אויב דער ארבעטסגעבער פארלאנגט עס נישט.

**וואס פאסירט ביי א קאמפלייענס קאנפערענץ?**
צו ערשט, שטעלט לעיבאר סטאנדארטן פאר די אויספארשונג געפינסן. דער ארבעטסגעבער מעג פארשטעלן אינפארמאציע באווייז וואס ער האט נאכנישט פריער אריינגעגעבן. דאס צושטעלן פרישע רעקארדס ביי א קאנפערענץ קען אויפברענגען פראגעס פארוואס דער ארבעטסגעבער האט עס נישט געוויזן בשעת דער אויספארשונג. ענדליך, וועט דער קאמפלייענס קאנפערענץ באאמטער מאכן א רעקאמענדאציע צו ביידע פארטייען אין א פרואוו צו באשטימען א קעיס. די קאנפערענץ אנטיילנעמער מוזן נישט אויספאלגן דער רעקאמענדאציע. וויבאלד דער קאנפערענץ איז אומפארמאל, וועט דער קאמפלייענס קאנפערענץ באאמטער נישט האלטן א רעקארד דערפון.

**ווער נעמט אנטייל אין א קאמפלייענס קאנפערענץ?**
דער ארבעטסגעבער און דער מענטש(ן) וואס האט אריינגעגעבן דער קלאגע (גערופן א קלעימענט) נעמען אנטייל. יעצטיגע אדער אמאליגע ארבעטער, וועלכע דער דעפארטמענט גלייבט אז מען איז זיי נאך שולדיג געהאלט, קענען ווערן געבעטן אנטייל צו נעמען. א פארטרעטער פון א קלעימענט אדער ארבעטסגעבער קען אויך אנטייל נעמען. דער קאנפערענץ איז א געלעגנהייט צוצושטעלן אינפארמאציע איבער א קלעים און/אדער ארבעט. עס איז וויכטיג אנטייל צו נעמען. דאלמעטשינג סערוויסעס זענען אוועילעבל פאר ארבעטסגעבער און קלעימענטס.

**דארפן די ארבעטסגעבער אדער קלעימענטס האבן אן אדוואקאט, אדער דארפן זיי שווערן א שבועה?**
עס ווערט נישט פארלאנגט צו האבן אנוועזנד אן אדוואקאט, אבער ארבעטסגעבער האבן אפט מאל אן אדוואקאט. א קלעימענט קען אויך האבן א פארטרעטער. אזא פארטרעטער איז נישט א טייל פון די קאנפערענץ. באטייליגטע דארפן נישט שווערן א שבועה, אבער יעדער מוז זאגן די אמת.

**וואס פאסירט נאך א קאמפלייענס קאנפערענץ?**
אויב דער קאנפערענץ שליסט זיך מיט אן אפמאך צו באצאלן די וועידזשעס, שאדן, און\אדער שטראפן, וועט דער דעפארטמענט אוו לעיבאר אויסטיילן באצאלונגען פאר די קלעימענטס. אויב עס שליסט זיך נישט מיט אן אפמאך, קען לעיבאר סטאנדארטן ארויסגעבן א ציווילע ארדער צו ערפילן דעם באדינגונג אנטקעגן דעם ארבעטסגעבער. דער ארבעטסגעבער קען אפעלירן דעם ארדער דורך פארלאנגען א פארמאלע הירינג פארנט פון די אינדוסטריעלע באורד אוו אפיעלס.

**וואס פאסירט אויב א קלעימענט קען נישט זיין אנוועזנד אדער אן ארבעטסגעבער דארף פונדאסניי פלאנען א קאמפלייענס קאנפערענץ?**
א קלעימענט וואס קען נישט אנטייל נעמען זאל זאפארט זיך פארבינדן מיט לעיבאר סטאנדארטן אויף 469-7365 (888) און רעדן מיטן אויספארשער. א קלעימענט'ס אפוועזנהייט קען פארשווערן פאר די דעפארטמענט צו אפמאנען שולדיגע וועידזשעס. אונטער געוויסע אומשטענדן, וועלן ארבעטסגעבער ערלויבט ווערן צו פלאנירן פונדאסניי א קאנפערענץ.

**וואס זאלן קלעימענטס אדער ארבעטסגעבער מיטברענגען צו א קאמפלייענס קאנפערענץ?**
קלעימענטס זאלן מיטברענגען סיי וועלכע אינפארמאציע אדער דאקומענטן צו שטיצן דעם קלאגע. זיי זאלן אויך מיטברענגען דער מעלדונג וואס ווייזט דער קאנפערענץ דאטום און צייט. ארבעטסגעבער זאלן מיטברענגען סיי וועלכע שריפטליכע באוויז צו שטיצן זייער פאזיציע. ארבעטסגעבער זאלן אויך מיטברענגען אינפארמאציע וואס ווייזט דאס גיין אין שפאן מיט דער לעיבאר געזעץ.